# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Home / Heym

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4966b5d5

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author
Korn / Korn, Rachel  / Rokhl H. / H.

### Publication Date
1953

### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# רחל ה. קאָרן



די דיכטערין רחל ה. קאָרן, האָט געזאָלט האָבן איר קבלת פנים אין דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב, דעם 6טן יוני, 1953. צוליב דעם ווייל זי איז ניט געווען ביז דאַן קיין בירגערין אין קאַנאַדע, האָט איר נסיעה אַהער גע־מוזט אָפּגעלייגט ווערן.

היינטיקן חודש איז די דיכטערין דער גאַסט פון דעם רחל קאָרן קאָמיטעט, אין וועלכן דער ל. א. יידישער קולטור קלוב באַטייליקט זיך.

עס ווערט געפּלאַנעוועט פאַר רחל קאָרן אַ רייע אויפטריטן אין ל. א., וואָס וועלן אַנאָנסירט ווערן דורך דער פּרעסע און דורך ספּעציעלע בריוו.

ביי דער געלעגנהייט פון דער דיכטערינס באַזוך דאָ, דרוקן מיר איר אַ ליד „היים״, פון איר לידער־בוך „באַשערטקייט״, אַרויסגעגעבן פון אַ קאָ־מיטעט אין מאָנטרעאל, אין 1949.

## היים

פון וויפל לענדער שטויב אויף דיינע פיס, מיין פאָלק,
פון וויפל קרייצן אויף דיין גוף דער בלוטיקער שניט,
און האַק געשאַרפט אויפסניי ביי יעדן שטיין
שטענדיק איבער דעם קאָפּ און נאַקן פון איעדן ייד.

וואָס פאַר אַ פאָלק האָט נאָך אַזעלכענע אגודת,
ווי ס׳פירט איעדעם וואָרט צו דער עקדה,
פון תקופה ביז צו תקופה יעדן דור אויפסניי,
פון זקן ביז צום אייניקל — די גאַנצע עדה.

פון אינקוויזיציע־פלאַץ אין שפּאַנישן טאָלעדאָ
דורך געטאָ־מויערן פון מאַינץ און אַמסטערדאַם,
ביז קישינעוו, מאַידאַנעק און טרעבלינקע,
ווי מיילן־שטיינער: בילבול, מאָרד און פלאַם.

אויטאָ־דאַפעס פון גופים און פון ספרים,
ביי וועלכע ס׳ווערט די שנאה צום דעם קרבן צייטיק —
נאָר העכער נאָך פון פלאַמען און פון רויך
און העכער נאָך פון דעם אייגענעם צער און ווייטיק.

דער טרוים, דער טרוים פון יענעם ווייטן לאַנד,
וואָס ס׳האָט געקושט מיט זיינע דורשטיק־הייסע סטראָפן
הלוי, ביי די פרעמדע ברעגעס פון הישפּאַניע
אין גליענדיקער בײנקשאַפט און אין שטילן האָפן.